בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת רְאֵה

תשע"ט

היכל הקודש

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַייעֶס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס נֶעמְט מִיר מַמֶשׁ צוּ דִי מְנוּחָה, אִיךְ לֵיין דִי נַייעֶס יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער מַצָּב אוֹיף דֶער וֶועלְט ווערְט מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן צְווִישְׁן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן אִיךְ צִיטֶער אוֹיבּ עֶס וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מִלְחָמָה, וָואס עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁען. אַסַאךְ מָאל קֶען אִיךְ מַמֶשׁ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן פַאר נֶערְוֶועזְקֵייט, טְרַאכְטְנְדִיג וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן. אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ ווִיסְן עַל פִּי הַלָכָה טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען שַׁבָּת קַיין צַייטוּנְג, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שז, סְעִיף טז; עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן סג). וּבִפְרַט אַז דָאס מַאכְט דִיר דֶערְשְׁרָאקְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שז, סְעִיף קָטָן ג).

אֲפִילוּ אִין דִי וָואכְן טֶעג זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵיינֶען קַיין צַייטוּנְגֶען וַוייל עֶס נֶעמְט צוּ דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּמְזִיסְטִיגֶע פְּחָדִים וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ

בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא אִין עֶנְק, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט אוֹיף דֶעם, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) אַז דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צַייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדוֹמֶה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, ז) רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט, "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים!'", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגְ'נֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵויינְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בְּשָׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב קֵיין שׁוּם צַייטוּנְג אוּן קֵיין שׁוּם מַאגַאזִין; דֶער גַאנְצֶער צַייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף. דִי צִיל פוּן אַ צַייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן עוֹלָם גוֹלְם שְׁטֵייט אוּן לֵיינְט דָאס בְּשָׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב קֵיין שׁוּם צַייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צַייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה וואוּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס רַחְמָנוּת פוּן דִי וָואס לֵיינֶען שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת דֶעם נַארִישְׁן צַייטוּנְג.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק א): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): "'יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם', זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל; אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, "יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה", זָאל עֶר אוֹיסְנוּצְן שַׁבָּת אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, "מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא

אֶלָא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּנֶם מֶענְטְשׁ נָאר וָוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין קוּקְן אִין צַייטוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט פָארְן אִין פֶעלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיידֶער אִיךְ פְרֶעג מַיין שְׁאֵלָה ווִיל אִיךְ זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ ב"ה זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי מִיט אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ לְכָבוֹד דֶעם אַריינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מַיין שְׁטוּבּ, יֶעדֶע זַאךְ זָאגְט מֶען בָּרוּךְ ה', בְּעֶזְרַת ה', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים טוּעֶן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת. פַארְוָואס וָוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט קְלָאר אַז עֶס זָאל זַיין אִין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז, פַארְוָואס פוּנְקְט בַּיי דֶעם זָאגְט מֶען אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא אִין פֶעלְד, נָאר מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ וַואלְד, אוּן דִי גוֹיִם זֶענֶען דִי חַיּוֹת, וְכַדוֹמֶה. פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט?

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם לְקַנְטֵר, אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין, תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער זֶענֶען טַאקֶע מְקַיֵּים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז; עֶס אִיז דָאךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס הִתְבּוֹדְדוּת וָואס מֶען מַאכְט אִין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז ווִי דָאס הִתְבּוֹדְדוּת
~~~~~~~~~~~

אִין שְׁטָאט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, בִּשְׁעַת ווֶען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר: "ווֶען דוּ וָואלְסְט ווֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי גְרָאז וָואלְסְטוּ גֶעהֶערְט ווִי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי גוּט אוּן ווִי אַנְגֶענֶעם אִיז צוּ הֶערְן ווִי זֵי זִינְגֶען זֵייעֶרֶע לִידֶער אוּן ווִי וואוֹיל אִיז זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן זֵיי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג)"; מִיר הֶערְן נִישְׁט דִי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פוּן דִי גְרָאז אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע טַעַם בִּשְׁעַת מֶען אִיז צְווִישְׁן זֵיי.

הֱיוֹת אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ וואוֹינֶען צְווִישְׁן פֶעלְדֶער אוּן ווֶעלְדֶער, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט אִין פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פֶעלְדֶער דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ. דָאס לֶערְנְט אוּנְז מוֹהֲרָא"ש, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן מְצִיאוּת.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ לֶעבְּן אִין ווִירְקְלִיכְקֵייט (רֶעאַלִיטֶעט) אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעלֶעגְנְהֵייטְן, ווֶען מֶען ווֶעט הָאבְּן אַ פֶעלְד וְכוּ', נָאר וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ זָאל מֶען זִיךְ פוּן דָארְט מְקַשֵּׁר זַיין אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אַמָאל הָאט מֶען אִים גֶעפוּנֶען זִיצְן אִין גַאס וֵויינֶען, אִיז מֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָאר? פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? וָואס הָאט פַּאסִירְט?" קוֹדֶם הָאט עֶר זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער ווֶען מֶען הָאט אִים אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוינִיגֶער: "אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ דָא אִין גַאס? גֵיי אַרַיין אִין שׁוּל, דָארְט אִיז דִי פְּלַאץ פוּן תְּשׁוּבָה אוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים!" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קכד): 'לִפְעָמִים מַגִּיעַ לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם', ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה זָאל עֶר דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער נָאר עֶר זָאל בְּלַייבְּן דָארְט וואוּ עֶר שְׁטֵייט, 'שֶׁצָּרִיךְ שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמָּקוֹם דַּיְקָא, לְהִתְחַזֵּק בְּזֶה הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת, כְּגוֹן לְדַבֵּר שָׁם אֵיזֶה דִּבּוּרִים שֶׁל תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוֹ דִּבְרֵי הִשְׁתּוֹקְקוּת בַּפֶּה וּבַלֵּב כְּפִי הָעִנְיָן', אוּן פוּן דָארְט זָאל עֶר אַרוֹיס זָאגְן אַפָאר ווֶערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְלֹא יַמְתִּין וְלֹא יָזוּז מִמְּקוֹמוֹ', עֶר זָאל נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, 'אַף עַל פִּי שֶׁאֵין זֶה הַמָּקוֹם מוּכָן לְכָךְ, כְּגוֹן שֶׁלֹּא בִּמְקוֹם קְבִיעוּת לְתוֹרָה וּתְפִלָּה, רַק בְּדֶרֶךְ הִלּוּכוֹ וְכַיּוֹצֵא', אֲפִילוּ דִי פְּלַאץ אִיז

נִישְׁט גְעאֵייגְנְט פַאר תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה, עֶר אִיז אִינְטֶערְוֶועגְנְס וְכַדוֹמֶה, 'כִּי כְּשֶׁיָּזוּז מִמְּקוֹמוֹ, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁיִּפְסֹק', וַוייל אוֹיב וֶועט עֶר דָאס אָפְּשְׁטוּפְּן וֶועט אַוֶועק גֵיין זַיין הִתְעוֹרְרוּת, 'וְכֵן מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ רָאִינוּ עִנְיָן כָּזֶה כַּמָּה פְּעָמִים', אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַסַאךְ מָאל", עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ טְרַאכְטְסְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָאס נִישְׁט מְקַיֵּים, בִּשְׁעַת עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין 'יַבְנִיאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב', אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דִי בֶּערְג אוּן אוֹיף דִי פֶעלְדֶער פוּן יַבְנִיאֵל. עֶפְּן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בְּנַחַל וֶועסְטוּ זֶען בְּרִיוו נָאךְ בְּרִיוו וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג יֶעדְן טָאג אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועק גֶעמַאכְט דָאס וָואס חֲבֵרִים נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אוּן מֶען פָּארְט צוּזַאמֶען אִין פֶעלְד וְכַדוֹמֶה מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ', וַוייל שְׁלֵימוּת הִתְבּוֹדְדוּת אִיז וֶוען מֶען גֵייט אֵיינֶער אַלֵיינְ'ס - בַּד בְּבַד יְהֵי' קוֹדֶשׁ; מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, מֶען גֵייט אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ. דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן טוּן. מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען גֵייט צוּזַאמֶען אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל; דֶער שְׁרַייט הוֹיךְ, קוּמְט דֶער צְוַוייטֶער אוּן שְׁרֵייט נָאךְ הֶעכֶער, קוּמְט דֶער דְרִיטֶער וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן נָאר אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע אוּן להבחל"ח פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזוּק אוּן חִיוּת פוּן דִי הֵיילִיגְן דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ קֶענֶען פָּארְן אי"ה. אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַ דְרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר קַיין אוּמַאן, וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער יָא גֶעקֶענְט פָּארְן, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אֵיינֶער וָואס אִיז מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן, שֶׁעפְּט חִיוּת פוּן רֶבִּי'ן, זָאל אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן דֶערְוַוייל דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן.
~~~~~~~~~~~

איךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוואָלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי איךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי עֶס אִיז בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוואָלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס הָאט פְּשַׁט פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז עֶר זָאל כָאטְשׁ פָּארְן אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס מֵיינְט צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן זָאגְן סְלִיחוֹת זְכוֹר בְּרִית מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת, זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים צִיוּן, אוּן כַאפְּן אַ פְלִיגֶער צוּרִיק קַיין נְיוּ יָארְק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיז דָאס בִּכְלָל אִינְטֶערֶעסַאנְט? אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען גֶעהֶעריג פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף 'עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה', דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶעלְבְּסְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע לְשׁוֹנוֹת אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען ווִי שְׁטַארְק עֶר ווִיל מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען"; נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ ווֵייס וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", אוּן נִישְׁט נָאר אִיר זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי עֶס אִיז בִּכְלָל אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף 'עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה'? אַוַדַּאי אִיז ווֶערְד דָאס קוּמֶען קַיין אוּמַאן! אַ גַאנְץ יָאר - נִישְׁט קַיין חִילּוּק ווֶעלְכֶע צַייט - ווֶען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'נְס צִיוּן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה), אַז ווֶער עֶס ווֶעט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי (דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ זִיךְ לֵייגְן

אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ זֶען בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַמָאל נָאכ'ן זָאגְן סְלִיחוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שה): "אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי בַּיי מִיר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים צִיּוּן אִין אוּמַאן אִיז אַ גֶעשֶׁעעֶנִישׁ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע צוּם צִיּוּן וואוּ מֶען וַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר און מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת; טַייכְן טְרֶערְן וֶוערְן פַארְגָאסְן בַּיים צִיּוּן שׁוֹין פוּן לֵיל זְכוֹר בְּרִית, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען נֶעמְט זִיךְ פַאר צוּ זַיין גוּט דֶעם נַייעֶם יָאר, מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מִיט'ן הָאפֶענוּנְג אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

קוֹדֶם קוּם אוֹיף שַׁבָּת און אוֹיף עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן וְכוּ' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן אִין אוּמַאן און בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע הַבְטָחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## ווִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ נָאנְט מִיט מַיין זוּן, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן און פַארְשֶׁעמְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע עִנְיָנִים, עֶס הָאט מִיר פִיל גֶעהָאלְפְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים אִין לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין טַאטְן, צוּ שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן און פַארְשֶׁעמֶען, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מַיין זוּן זָאל וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר.

נָאכ'ן אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט ווִי נִישְׁט רִיכְטִיג אִיךְ הָאבּ גֶעהַאנְדְלְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, און אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מַיין זוּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ נָאךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר.
~~~~~~~~~~~

ווייל אִיךְ ווייסְן ווָאסֶערֶע הִשְׁתַּדְּלוּת אִיךְ קֶען טוּן צוּ מְקָרֵב זַיין צוּרִיק מַיין זוּן, אַז מִיר זָאלְן ווֶוערְן צוּרִיק בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ ווֶעג אַרוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים קֶען עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט אַ נֵס אַז דַיין זוּן הַאלְט זִיךְ נָאךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, ווַייל בְּדֶרֶךְ כְּלָל ווֶוען אַ קִינְד כַאפְּט אַרַיין אַזֶעלְכֶע זַאכְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען" - גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה הַשֵּׁם יְרַחֵם. אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ ווָאס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה - רֻבָּם כְּכוּלָם זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג אִין דֶעם, נָאכְדֶעם ווָאס זֵיי הָאבְּן מְחַנֵּךְ גֶעווֶוען דִי קִינְדֶער דוּרְךְ "שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען", זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אַ שִׂנְאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

ווֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי ווֶעג פוּן שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; ווֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי אֵייגֶענֶע נֶערְוְון. מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; סַיי עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט אוּן סַיי עֶס ווֶוערְט נָאר עֶרְגֶער וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת פוּן זַיין לֶעבְּן אוּן פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעווָאלְט אַרַיין קוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט ווָאס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, ווַייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיין קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה", ווֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הַלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ) אַז גְרוֹיסֶע קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל", וַוייל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס אִידִישְׁקֵייט; וִוי מֶעג אַ אִיד שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוּיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער? וִוי קֶען אַ אִיד אוֹיפְהֵייבְּן אַ הַאנְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד?! אַ גוֹי שְׁלָאגְט וְכוּ'.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְקָרֵב זַיין דַיין זוּן; עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט וִוי לַאנְג עֶס וֶועט זִיךְ פַארְהֵיילְן דַיינֶע וֶוייטָאג פוּן דִי קְלֶעפּ אוּן פַארְשֶׁעמוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂים, אוּן מִיט תְּפִילָה וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים.

נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש אוֹיף חִינוּךְ הַיְלָדִים; סֵיי דִי אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער", "צוּשְׁנֵייד מִיךְ נִישְׁט", אוּן "אִידִישׁ נַחַת", אוּן סֵיי דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין "אוֹצַר חִינוּךְ הַיְלָדִים", צוּ רַאטֶעוֶוען נָאךְ קִינְדֶער פוּן וֶוערְן דֶערְמָארְדֶעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

...

~~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק, אִיךְ הוֹיבּ נָאר אָן הֶערְן אַ שִׁיעוּר, אוּן צִיעט מִיר וִוי אַ מַאגְנֶעט אוֹיסְצוּהֶערְן בִּיז'ן סוֹף, אוּן אִיךְ מוּז שׁוֹין הֶערְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס. עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, אוּן עֶס שְׁטֶערְט אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם מִיר, אוּן ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט.

אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר הָאט מִיר שׁוֹין גֶעהָאלְפְן מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

כַּעַס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא עֶקְלְדִיגֶע מִדָה וְוִי דִי מִדָה פוּן כַּעַס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּכַעַס פַארְצֵיילְט עֶר פַאר אַלֶעמֶען וֶוער עֶר אִיז, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס. אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): פַארְוָואס שְׁטֵייט: "רַע" בְּעֵינֵי ה' - עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "רָשָׁע" בְּעֵינֵי ה'? נָאר וַוייל וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְאוֹנָן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, וֶוערְט אַ 'רַע', - אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ; עֶר שְׁרֵייט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַלֶע אַרוּם אִים, אַלֶע זֶעעֶן אוּן וֵוייסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט גֶעוואוּיר זַיין גַאנְצֶע עָבַר וְכוּ'.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה פוּן כַּעַס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶועֶן פוּן וֶוערְן בְּכַעַס, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וְוִי אַזוֹי עֶר וִויל, אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיז אַ סִימָן עֶס פֶעלְט דִי אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קה:): "הַמְקָרֵעַ בְּגָדָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶערַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער פוּן כַּעַס, "וְהַמְשַׁבֵּר כֵּלָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע כֵּלִים פוּן כַּעַס, "וְהַמְפַזֵּר מָעוֹתָיו בַּחֲמָתוֹ", אוּן וֶוער עֶס וַוארְפְט אַוֶועק זַיין גֶעלְט פוּן כַּעַס, "יְהֵיֶה בְעֵינֶיךָ כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", - אִיז אַזוֹי וְוִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט בְּכַעַס וַוייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶר גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וְוִי אַזוֹי עֶר ווִיל וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם בֵּייגֶעלֵייגְטְן תְּפִלָּה; נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ טָאג נָאר אַפָּאר מָאל אַ טָאג זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶועֶן פוּן כַּעַס, וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער בַּייצוּקוּמֶען דֶעם נִסָּיוֹן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרַייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן הִיט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ קַיין כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶוער חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶערֶעגְט זָאל אִיךְ נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת, אַנְשְׁטָאט

זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן זָאל אִיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶעמֶען; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן: "וְלֹא יִהְיֶה בִּי אֵל זָר, וְלֹא אֶשְׁתַּחְוֶה לְאֵל נֵכָר", וָואס וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם וַוייל עֶס אִיז כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס וַוייל וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר דִי כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט וֶוערְן מֶער בְּכַעַס, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן אַנְשְׁטָאט דִי סְגוּלָה פוּן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פַאר דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג אִין דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. וויל אִיךְ וויסְן וָואס מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען טוּן צוּ הָאבְּן דִי סְגוּלָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סְגוּלָה פַאר דִי בָּחוּרִים זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אִיר פְרֶעגְט וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן פוּן ט"ו בְּאָב פַאר אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.
~~~~~~~~~~~

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אַז אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, אָבֶּער אַז אִיר קֶענְט נָאר זָאגְן אַבִּיסְל זָאגְטְס וִויפִיל אִיר קֶענְט.

אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְן אִין תְּהִלִּים; אֵייעֶר שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים וֶוערְט זַיין אֱמוּנָה גֶעשְׁטַארְקְט; עֶס לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים אוּן וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְס הָאט דָאס גֶעזָאגְט.

...

~~~~~~~~~~~

## קֶען מֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת בְּלוֹיז מִיט דִי מַחְשָׁבָה?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדְן שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ צְווֵיי שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן; א. וֶוען עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּרֶעדְן דִי וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִיךְ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת בְּלוֹיז מִיט דִי מַחְשָׁבָה? ב. וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק אִיז מִיר אַסַאךְ מָאל שְׁוֶוער צוּ זָאגְן דָארְט תְּהִלִּים, קֶען מֶען זָאגְן דָארְט מִשְׁנָיוֹת אַנְשְׁטָאט תְּהִלִּים?

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַסַאךְ חִיזּוּק, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט.

דָאס דַארְף זַיין דֶער עִיקָּר אוֹיף וָואס אַ אִיד דַארְף בֶּעטְן, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים; דָאס אִיז גֶעוֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס תְּפִילָּה (תְּהִלִּים כז, ד): "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ", אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט דִיר,
~~~~~~~~~~~

אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זִיצְן אִין דַיין שְׁטוּב אוּן לֶעבְּן מִיט דִיר; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶער גֶעדַאנְק: "אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אוּן עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט צוּ זַיינְס אַ חַבֵר אוּן וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, מַאךְ זִיךְ אַ תְּפִילָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר; מִיט מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ שְׁטֵיין אוּן שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, אֲפִילוּ דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַּךְ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ שְׁטוּם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דֶעמָאלְט וֶועט מִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז בִּיסְטוּ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס".

דֶערִיבֶּער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ דָאס אַלֵיינְס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר. דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (פָּרָשַׁת בְּחֻקּוֹתַי) בְּשֵׁם זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפְן פַאר דִי גַאנְצֶע לַאנְד אַז וֶוער עֶס דַארְף אַ בַּקָשָׁה קֶען דָאס קוּמֶען בֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג זֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת; אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן גֶעלְט, אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעבֶּעטְן כָּבוֹד, אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער קֶענִיג זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין זַיינֶע שׂוֹנְאִים, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַ צְוֵוייטֶע בַּקָשָׁה. אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָכָם וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל פַאר זִיךְ, עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן אֵיין זַאךְ, עֶר וִויל קֶענֶען רֶעדְן מִיטְן קֶענִיג יֶעדְן טָאג; מִיט דֶעם הָאט עֶר מִמֵּילָא בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן וַוייל עֶר רֶעדְט צוּם קֶענִיג יֶעדְן טָאג אוּן עֶר בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט נִשְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ הַארְצִיגְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלָאזְט אַרַיין אִין מִיר, סְפֶּעצִיעֶל דִי חִיזוּק יוֹמִי וָואס אִיךְ בַּאקוּם טֶעגְלִיךְ, און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ וַוייבּ וָואס הֶערְט נִשְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער. נִשְׁט סְתַּם זִי שְׁרֵייט אוֹיף זֵיי, נָאר זִי קְלַאפְּט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "בִּיסְט stupid", "בִּיסְט slow", "בִּיסְט silly", בִּיסְט אַ בֶּעיבִּי, און אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט לְשׁוֹנוֹת, און נָאךְ עֶרְגֶערֶע, שְׁרֵייט זִי אוֹיף זֵיי כְּסֵדֶר.

אִיךְ בִּין בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ סֶענְסִיטִיוְוער מֶענְטְשׁ, און יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער וִוי אַזוֹי זִי קְלַאפְּט זֵיי אַרָאפּ מִיט אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ צוּ וֵויינֶען, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, אִיךְ הַאלְט מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיס פַאר זֵיי. וִוי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, וֶוען דִי מַאמֶע קְלַאפְּט זֵיי אַזוֹי אַרָאפּ אַ גַאנְצְן טָאג?

וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה? און וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת מִיט אִיר? עֶס אִיז מַמָּשׁ דָאס גֵיהִנּוֹם אַלֵיין.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס זִי שְׁרֵייט און זִידְלְט דִי קִינְדֶער - קוּמְט נִשְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט; זִי טוּט דָאס וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען אִיר מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען. מֶען הָאט אוֹיף אִיר גֶעשְׁרִיגְן טָאג און נַאכְט דִי סָארְט וֶוערְטֶער דֶערְפַאר זָאגְט זִי דָאס אִיבֶּער פַאר אִירֶע קִינְדֶער, מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר מִיט דַיין וַוייבּ אִין דִי נַייעֶ אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער" און "אִידִישׁ נַחַת"; דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער מִיט נִשְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער און וָואס עֶס פַּאסִירְט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי מִיט מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער, זֵיי
~~~~~~~~~~~

לוֹיפְן נָאכְדֶעם אֲוֶועק פוּן שְׁטוּב אוּן זֵיי ווילְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ'.

וֶוען זִי וֶועט לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים, זִי וֶועט וויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, וֶועט זִי שׁוֹין מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע וֶוערְטֶער.

זַיי דַן דַיין וַוייבּ לְכַף זְכוּת אוּן קוּק אוֹיף אִיר מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג; זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען הָאט אוֹיף אִיר גֶעשְׁרִיגְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער אִין אִירֶע קִינְדֶער יָארְן אוּן זִי מֵיינְט אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן חִינוּךְ. קוּק נִישְׁט אוֹיף אִיר מִיט רְצִיחָה; וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט דֶעם עָבַר וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען אַסַאךְ עֶרְגֶער, דוּ וָואלְסְט שׁוֹין לַאנְג אָפְּגֶעלָאזְט וְכוּ'. אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט רַחְמָנוּת אוֹיגְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן לְטוֹבָה.

אוֹיבּ דוּ ווילְסְט בְּאֱמֶת דִי טוֹבָה פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער וִוי דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט מִיט דַיין וַוייבּ. קִינְדֶער זֶענֶען גָאר גוּטֶע מְבִינִים, זֵיי וֵוייסְן אוּן שְׁפִּירְן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּשָׁלוֹם אוּן וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז, וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן וִוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט בְּשָׁלוֹם טוּט זֵיי דָאס זֵייעֶר וֵויי, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן מִיט זֵייעֶר אוֹיגְן וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן זֵיי וַואקְסְן אוֹיף פֶּעלֶערְדִיג.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, גוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען לוֹיט וִויפִיל מֶען בֶּעט אוּן מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקְעדִיג הַיינְטִיגֶע צַייטְן וִוי מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ קִינְדֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז צוּ בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט נַפְשִׁיוּת'דִיגֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שליט"א,

אִיךְ מוּז זָאגְן אַז דִי חִיזּוּק שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן מַמָּשׁ בִּמְלוֹא מוּבָן הַמִּילָה, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן מִיט נַפְשִׁיוּת'דִיגֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף אַזַא קְלָארֶע אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע פַארְנֶעם, נָאר דָאס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דִי נֶערְוֶוען, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעוֶוען אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן. אִיךְ הָאבּ אַ קָרוֹב וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב אוֹיף מֶעדִיצִין, אוּן עֶר אִיז ב"ה אַרָאפּ פוּן דֶעם, אוּן אִיךְ מוּז נָאךְ צוּרִיק אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

נָאךְ מֶער שְׁטֶערְט מִיר אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוען אוּן וָואסֶערֶע סָארְט שִׁידוּךְ אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען הָאבְּן אַזוֹי וִוי אִיךְ דַארְף זַיין אוֹיף מֶעדִיצִין.

אוֹיךְ פַאל אִיךְ אַרַיין אִין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן; מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶעלְפְט אַלֶעמֶען אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען. וִוי מֶער דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַלְץ רוּאִיגֶער וֶועסְטוּ וֶוערְן, עֶס וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן אִין דִיר שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ וַוייטֶער נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין וִוי דַיין קָרוֹב וְכוּ'. דוּ דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ נֶעמְסְט מֶעדֶעצִינֶען; דוּ פָאלְג דֶעם דָאקְטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם.

טוּ אַלֶעס וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע קָאפְּדְרֵייעֶנִישׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיב עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

### אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט פַאר אַ מַאמֶע וָואס אִיר בָּחוּר פִירְט זִיךְ נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַז אוֹיבּ ווִיל מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ ווִיל דָאס פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן מְתַקֵּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אִיז גֶענוּג צוּ זָאגְן אַז מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען שׁוֹין יוֹצֵא? אִיז דֶען דָאס גֶענוּג?

אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן זַיין מֶער צְנִיעוּת'דִיג, אַז מַיין זוּן ווִיל קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע פְּרָאבְּלֶעם עֶס מַאכְט זִיךְ אִין אַ שְׁטוּבּ, אִיז גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אָדֶער אִיז דִי אַחְרָיוּת פוּנֶעם מַאן אוּן טַאטֶע צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

עֶס וֶועט מִיר אוֹיס לֶעבֶּערְלִיךְ צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף בְּלוֹיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט אִיז אַדְרֶעסִירְט צוּ עֶלְטֶערְן וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער הֶערְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי; וֶוען מֶען הָאט דֶערְוַואקְסֶענֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַּארְקְרָאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ גֶעבְּן מוּסָר, ווַייל מִיטְ'ן רֶעדְן מַאכְט מֶען נָאר עֶרְגֶער. אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע", אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר וֶוען מֶען נֶעמְט אָן וָואס מֶען זָאגְט, "כַּךְ מִצְוָה שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אַזוֹי אִיז אַ מִצְוָה מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן וֶוען מֶען ווַייסְט אַז מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

אַוַדַאי דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - וֶוען זֵיי הֶערְן נָאךְ אוֹיס וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, דִי וֶועלְן שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת. קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, אָךְ אוּן ווַיי אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער הָאט פַיינְט זַיינֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווִידֶער דֶער וָואס אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער ווַייזְט דָאס אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעהֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס הָאט עֶר אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט; בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; יִצְחָק אָבִינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

לַיין אִיבֶּער דִי שְׁאֵלָה מִיט דִי תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זֶען אַז מֶען רֶעדְט פוּן אַ בָּחוּר וָואס גֵייט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג, עֶר הֶערְט לֵיידֶער נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין אַזַא פַאל אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן מוּסָר, בַּיי דֶעם פַאל זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ", זָאג אִים נִישְׁט קַיין מוּסָר, "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", ווַייל דוּ וֶועסְט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

אִין יֶעדְן פַאל דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק דַארְף מֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף זֵיי, וַוייל תְּפִילָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג. אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי מֶען קֶען נָאךְ עֶפֶּעס עֶרְוַוארְטְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ פְּלֶעג אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְּרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער, אָבֶּער דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְּרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר פִיל מֶער חִיזוּק זִיךְ מֶער צוּ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין בָּחוּר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק בִּרְוּחָנִיוּת, עֶר פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הַארְץ בְּלוּטִיגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער בָּחוּר אַלֵיין שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר וִויל פָּשׁוּט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי עֶר גֵייט אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן. אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ קֶען עֶס טוּן אַנְשְׁטָאט אִים, אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט אַנְשְׁטָאט אִים? וֶועט דָאס הֶעלְפְן דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען עֶר אַלֵיין וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן פַאר זִיךְ?

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי הֲוָה אֲמִינָא צִי עֶס הֶעלְפְּט תְּפִילוֹת פוּן אַ מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער?! אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר וַוייל זֵייעֶרֶע מַאמֶעס פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט.

מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר זֶען פִיל נַחַת בַּיי אַלֶע פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס פַאר אַיךְ, פַאר אַייעֶר מַאן, פַאר דֶעם קִינְד וָואס פַאלְט וְכוּ', פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אוֹיס'פוֹעֶל'ן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּפְרַט מַיין זוּן הַבָּחוּר ..., הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶפְן אִים זַיין הַארְץ עֶר זָאל נָאר דִיר וֶועלְן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְסְטוּ אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין לֶעבְּן, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִים אַ רֵיינֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגְקֵייט. מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן ...'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער".

אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין קֶענְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר לַאנְג, קֶענְט אִיר פָּשׁוּט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס אוּן בֶּעטְס אוּן שְׁפָּארְטְס נִישְׁט קֵיין טְרֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טְרֶער אִיז נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אִים; זוּכְטְס אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת אוֹיף אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ זוּכְט מֶען אַלְץ חֶסְרוֹנוֹת אִינֶעם קִינְד. וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס דֶער קִינְד דַארְף פַארְרֶעכְטְן הַאלְט מֶען פָּאר דֶעם קִינְד, אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד טוּט גוּטְס דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט קֵיין וֶועג; קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן פוּן יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אַן עֵסֶק.

אַז אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קֵיין מַארְמַארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אִין תְּפִלָּה, זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

[~~~~~~~~~~~]

## פַארְוָואס הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעמַאכְט דֶעם בְּרֶסְלֶב'ֶער שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל אַזוֹי וַוייט?

## שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין גֶעפָארְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם בִּיז יַבְנְאֵל אוֹיסְצוּזָאגְן דָארְט גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהַרָא"שׁ, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ פּוֹעֵל'ן אַ שִׁידוּךְ פַאר דֶעם וָואס זָאגְט אוֹיס תְּהִלִּים בַּיי זַיין קֶבֶר.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אָבֶּער פַארְוָואס מוֹהַרָא"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען מַאכְן אַ שְׁטֶעטְל אַזוֹי וַוייט בַּיים אַנְדֶערְן עֶק אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ וֶועג פוּן דְרֵיי שָׁעָה בִּיז יְרוּשָׁלַיִם, אִין דִי צַייט וֶוען עֶס אִיז דָא אַסַאךְ גֶעגֶנְטֶער פִיל נֶענְטֶער.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יַבְנִיאֵל אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶער נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען שְׁרַייבְּן וְכוּ׳.

דָאס וֵוייסְטוּ אַוַדַאי אַז יַבְנִיאֵל אִיז פוּן דִי פֶעלְדֶער פוּן טְבֶרְיָה, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה לא:) אַז בְּשַׁעַת׳ן חוּרְבָּן וֶוען דִי סַנְהֶדְרִין זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען בִּיז טְבֶרְיָה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער צֶענְטֶער גָלוּת, אוּן דִי גְמָרָא פִירְט אוֹיס: ״וּמִשָּׁם עֲתִידִין לִיגָּאֵל״, דִי גְאוּלָה וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן פוּן טְבֶרְיָה.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יָאר ה׳תקנ״ט אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה פוּן וואוּ מֶען זֶעט דִי בֶּערְג פוּן יַבְנִיאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: ״דָארְט אִיז גוּט צוּ וואוֹינֶען״.

יַבְנִיאֵל אִיז אִין דִי חֵלֶק פוּן שֵׁבֶט נַפְתָּלִי; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מז) אַז נַפְתָּלִ״י אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן תְּפִלִּי״ן, זָאגְט מוֹהֲרְנַ״ת אַז אִין דֶעם אִיז מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן לא) וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אַ בָּקִי אִין שַׁ״ס אוּן אִין סִפְרֵי קַבָּלָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר מוּטְשֶׁען דֶעם רֶבִּי׳ן עֶר זָאל אִים מְגַלֶּה זַיין פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: ״אִיךְ וֵוייס אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אַהֶער מִיט מוֹחִין דְקַטְנוּת, סְתָּם צוּ גֵיין ד׳ אַמּוֹת זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ׳, אִיר זֶענְט זִיכֶער גֶעקוּמֶען דָא מִיט מוֹחִין דְגַדְלוּת צוּ מַשִּׂיג זַיין גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ בַּאדִינֶען מִיט מַיין גוּף, מִיט מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה - אַבִּי אִיר זָאלְט מִיר מְגַלֶּה זַיין פַארְוָואס אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען וְכוּ׳״, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר נִישְׁט מוּטְשֶׁען אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג צוּ מְגַלֶּה זַיין פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן דֶעם טַעַם״, אָבֶער וֶוען יֶענֶער הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: ״וֵוייסְט אִיר דֶען דִי סוֹד אוּן דִי כַּוָּונָה פוּן תְּפִלִּין? אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם סוֹד אוּן דִי כַּוָּונָה פוּן תְּפִלִּין וְכוּ׳, וֵוייסְט אִיר דָאךְ נִישְׁט דֶעם סוֹד פוּן אַרְבַּע רוּחוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן וַוייטֶער בִּיז עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען בְּלוּט פוּן

רֶבִּינְ'ס הַאלְז. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז מֶען וִויל נִישְׁט פוּן הִימְל אִיךְ זָאל אַייךְ מְגַלֶּה זַיין"; פוּן דֶעם זֶעט מֶען דֶעם קֶשֶׁר פוּן ד' רוּחוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ תְּפִילִּין וְכוּ', דָאס הֵייסְט דִי בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן תְּפִילִי"ן דָאס אִיז נַפְתָּלִ"י, פוּן דֶעם קֶען מֶען אַבִּיסְל זֶען רְמָזִים וָואס דִי זַאךְ פוּן יַבְנִיאֵל אִיז.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אִין יַבְנִיאֵל, וִויפִיל צָרוֹת מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דֶעם ס"מ - דֶער שְׁטְרָאף מְטַּעַם ... פוּן יַבְנִיאֵל, דֶער מֶלֶךְ פוּן דִי שֵׁדִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' - מְחִיגֵּר) וִוי דֶער חָכָם הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַוֶועק פוּנֶעם יִשּׁוּב אוּן זֵיי גֶעפִירְט צוּ אַ מִדְבָּר, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַרוּם זֵיי אַ קְרַייז אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען, וֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער חָכָם זִיצְט דָארְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם חָכָם: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ אִין מַיין פְּלַאץ?" הָאט אִים דֶער חָכָם גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז עֶס אִיז דַיין פְּלַאץ? עֶס אִיז מַיין פְּלַאץ!" הָאט דֶער קֶענִיג דֶער שֵׁד גֶעזָאגְט פַאר'ן חָכָם: "דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא פוּן מִיר?" עֶנְטְפֶערְט דֶער חָכָם: "נֵיין", הָאט דֶער קֶענִיג דֶער שֵׁד זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיז'ן הִימְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁלִינְג דִיר אַיין", הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט פַאר'ן קֶענִיג דֶער שֵׁד: "אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, אַז דוּ וִוילְסְט וֶועל אִיךְ מַאכְן דוּ זָאלְסְט מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר", דֶער חָכָם הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעגֶענֶען, פְּלוּצְלִינְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן, זֶענֶען זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קַיין יַבְנִיאֵל זֶען אַ פְּלַאץ וואוּ אַלֶע עֵדוֹת'ן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען - אַשְׁכְּנַזִ"ישֶׁע, סְפַרַדִ"ישֶׁע אוּן תֵּימָנִ"עֶ וְכוּ', וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין רַאסִיזְם דָארְט, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם טַעַם וָואס עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דֶער וָואלְף מִיט'ן לֶעמֶעלֶע, דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיט'ן צִיגֶעלֶע - וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּה מִיט'ן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען אוּן דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר'ן צְוֵוייטְן,

ווייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין מַאן ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מִיט מַיין מַאן הַאלְטְן מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

סְפֶּעצִיֶעל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט גֶעזִינְגֶען לֶעצְטְנְס בַּיי דִי שִׁיעוּרִים שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶע דַאוָונֶען, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ, אָבֶער אֵיין טָאג אִינְמִיטְן הֶערְן דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים שִׁיעוּר, גֶעבְּט זִיךְ מַיין מַאן אַ רוּף אָן, "עֶס שְׁמֶעקְט מִיר צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיב אִיז דָא דָארְט אַזַא שֵׁיינֶער דַאוָונֶען".

יְיַשֶּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים אוֹיף נָאךְ אַ שִׁיעוּר פַאר פְרוֹיֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער גֶעזוּנְט אוּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ד): "כְּשֶׁתִּסְעוּ וְיִשְׁאֲלוּ אֶתְכֶם 'מַה פְּעַלְתֶּם?'", וֶוען אִיר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוּן מֶען וֶועט אַייךְ פְרֶעגְן וָואס הָאט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייעֶר רֶבִּי'ן, "תֹּאמְרוּ 'רוּחַ'", זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: "לוּפְט"; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען מִיט דִי עֵצוֹת וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְז. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת – מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ –
~~~~~~~~~~~

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי לוֹפְט צוּם לֶעבְּן. וֶוען אַ מֶענְטְש גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים אַסַאךְ גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן'.

ווּאוֹיל אִיז אֵייךְ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט מְעַכֵּב אֵייעֶר מַאן אוּן אִיר לָאזְט אִים פָּארְן קַיין אוּמַאן; אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַ חֵלֶק אִין אֵייעֶר מַאן'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ פְּרוֹי וָואס הָאלְט נִישְׁט אָפּ אִיר מַאן פוּן גֵיין קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַבְטָחוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

אִיר שְׁרַייבְּט: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ"; אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ", וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב אַז אִיר הָאט מוֹרָא פוּן זַיין בְּרֶסְלֶב?! וָואס ווִיל דֶען דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל סַךְ הַכֹּל פוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מִיר רוּפְן זִיךְ אוּן צוּ וָואס פַּאר אַ חֲסִידוּת מִיר בַּאלַאנְגֶען, זָאלְן מִיר לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַ לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה אוּן אַ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מְמֵילָא וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ מִיט זַיין בְּרֶסְלֶב? דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּן דִי וָוארְט בְּרֶסְלֶב וָואס וֶועלְן זֵיי טוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן מְגַלֶּה זַיין פַּאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פג) אַז מָשִׁיחַ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ אִלְּמִים', עֶר וֶועט מַאכְן רֶעדְן אַלֶע שְׁטוּמֶע; מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַּאר אַלֶעמֶען מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וֶועלְן זַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים - וָואס וֶועלְן זֵיי דֶעמָאלְט טוּן, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זָאגְן פַּאר מָשִׁיחַ: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ"? עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי אַלֶע מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אַלֶע דִינֶען מִיר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַּאנְצֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פַּאנְצֶער, עֶר הָאט אָבֶּער אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן דִי מַעֲשֶׂה, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ ווִיסְן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט רְמָזִים פוּן דִי מַעֲשֶׂה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים סוֹף פוּן סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק בְּרֶענְגְט דָארְט מוֹהֲרַ"אשׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי בְּרוֹיט, אָבֶּער אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַּאנְצֶער שְׁרַייבְּט עֶר אוֹיךְ נָאר רְמָזִים.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְקוּבָּל פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי פַּאנְצֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר מַעְתִּיק זַיין דִי מַעֲשֶׂה בְּקִיצוּר לוֹיט ווִי מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט דָאס אִינֶעם בְּרִיוו (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, דַּף תשלג). וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ פַּאנְצֶער, אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין מִלְחָמָה טוּט מֶען זִיךְ אָן אַ פַּאנְצֶער, דֶעמָאלְט אֲפִילוּ מֶען שִׁיסְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ טוֹיטְלִיכֶע פַייְלְן גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דֶער פַּאנְצֶער בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִי פַייְלְן פַאלְן אַרָאפּ, און אֲפִילוּ אִין פַאל דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ און דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעהַרְגְ'עט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ'.

אִין דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶעם סוֹד פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען (קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) - וֶוערְט בַּאשִׁיצְט מִיט דֶעם אַזוֹי ווִי אַ פַּאנְצֶער, דִי פַייְלְן קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אִים צוּלִיבּ דֶעם פַּאנְצֶער. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם וֶועט עֶס נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין זַיין נְשָׁמָה, צוּלִיבּ דֶעם פַּאנְצֶער - דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, און אֲפִילוּ דֶער פַּאנְצֶער צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ און דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעהַרְגְ'עט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַז דֶער תִּיקּוּן

הַכְּלָלִי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס וֶועט אִים רַאטֶעוֶועֶן פוּן אַן אֵייבִּיגֶער מִיתָה, עֶר וֶועט נָאכאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן וְכוּ'. מוֹהַרְאַ"ש פִּירְט דָארְט אוֹיס: "מֶער פוּן דֶעם טָאר אִיךְ נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן".

וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן פוּן אַלֶע חֲטָאִים אוּן זַיין נְשָׁמָה וֶועט מְתוּקָן וֶוערְן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז; דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיסְהֵיילְן אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשָׂאסְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט דִי טוֹיטְלִיכְסְטֶע פַיילְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְּלָן, עֶר לִיגְט אִין עֲשָׂרָה כִּתְרִין דִּמְסָאֲבוּתָא הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - קֶען אִים דֶער רֶבִּי הֵיילְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג): עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַ שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיג וָואס הָאט פַארְכַאפְּט אַ בַּת מַלְכָּה אוּן זִי אִיז אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל זוּכְן וואוּ זִי אִיז, בִּיז מֶען הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן פֶעסְטוּנְג מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיין לוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער אוּן דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן ווִי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר', וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען ווִי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַייְלְן וָואס אִיז גֶעוֶועֶן בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמ'עֶן, מֶען הָאט אִיר גֶעשָׂאסְן מִיט דִי פַיילְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶועֶן אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט טוֹיטְלִיכֶע סַם, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפּ גֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס קִינְדֶער; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְּלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חַלָּשׁוּת, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועם דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן אִין דִי אַרְגְסְטֶע בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ' רַחְמָנָא לִצְּלָן, אוֹיב פָּאלְגְט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ קְרִיכְן אִין זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין וְכוּ';

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און אָנְהֵייבְּן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בְּעִיקָר דִי לִיכְטִיגֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

א כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## עֶס אִיז מִיר שְׁוַוארְץ און פִינְסְטֶער, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נָאךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידִישֶׁע מֵיידְל, וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶעבְּן. אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ נָאךְ אַ טָאג אִין מַיין לֵיידִיגֶע לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז מִיר שְׁוַוארְץ און עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פַאר מִיר קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן עֶפֶּעס גוּטְס אִין לֶעבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין לֶעבְּן וֶוערְט מִיר נָאר עֶרְגֶער און עֶרְגֶער, און אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז דָאךְ סַיי וִוי אַמָאל שְׁטַארְבְּן, אִיז פַארְוָואס זָאל אִיךְ וַוארְטְן בִּיז דֶעמָאלְט, אֶפְשָׁר אִיז שׁוֹין צַייט צוּ גֵיין יֶעצְט? אִיךְ טוּ סַיי וִוי גָארְנִישְׁט אוֹיף אִין מַיין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט און אִיךְ אַלֵיין דַארְף זִיךְ מֶער נִישְׁט, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט שְׁטַארְבְּן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַ שָׁאד אַז אַ יוּנְג מֵיידְל וִוי דִיר זָאל טְרַאכְטְן פוּן עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם; עֶס וַוארְט דִיר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, שֵׁיינֶע זִיסֶע יָארְן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

מֵיין נִישְׁט אַז נָאכְן שְׁטַארְבְּן אִיז בֶּעסֶער; אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר וִויל שְׁטַארְבְּן וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי יְסוּרִים וָואס עֶר לַיידְט, הָאט
~~~~~~~~~~~

אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד): חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ", דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן "שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לְךָ", אַז אִין קֶבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער; דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ בִּין אָדֶער אַ פְלִיג אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס שְׁפִּירְן, וַוייל מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אָבֶּער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִרְדוֹת אוּן מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאלְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע רִיר אוּן יֶעדֶע שְׁטָאךְ; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערִים אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ טְרַאכְטְּסְט פוּן עֶנְדִיגְן דֶעם לֶעבְּן; וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקַייטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אִיז דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, מֶען קֶען אַוֶועק לוֹיפְן פוּן צָרוֹת, אָבֶּער דָארְט - אִין קֶבֶר, אֵיינְמָאל מֶען שְׁטַארְבְּט אִיז נִישְׁט דָא פוּן דָארְט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע וֶוערִים אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער דָארְט.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ זָאלְסְט טְרַאכְטְן אַזַא נַארִישֶׁע זַאךְ וִוי עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן; יֶעצְט קֶענְסְטוּ נָאךְ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיב דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען שְׁטַארְבְּט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן; דָארְט אִין קֶבֶר אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט מִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

הָאסְט שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶען אַ מַייז? וָואס טוּסְטוּ וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מַייז? וָואס טוּעֶן פְרוֹיעֶן אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען זֶעט אַ קְלֵיינֶע מַייז? מֶען הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוּן קְוִויטְשֶׁען, מֶען וֶוערְט מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ; אָבֶּער בֶּאֱמֶת קֶען דֶער מַייז גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען גֶעבְּט אַ קְלֵיינֶע הַאק מִיט דִי פוּס אוּן זֵיי צֶעלוֹיפְן זִיךְ. וָואס וֶועסְטוּ טוּן אִין קֶבֶר וֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּמֶען זֵיי צוּ גֵיין אוּן הֵייבְּן אָן עֶסְן דֶעם מֶענְטְשׁ? צוּ וֶועם וֶועסְטוּ שְׁרֵייעֶן? וָואס וֶועסְטוּ טוּן?! דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ יָאגְסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ גֵיין אִין קֶבֶר; הֶערְשְׁט דָארְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי צָרוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן.

נֶעם אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר נִישְׁט לִיבּ

און עֶר דַארְף דִיר נִישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ, עֶר דַארְף דִיר און עֶר וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּאֲרֶכֶת שְׁנוֹתָיו שֶׁל אָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לַאנְגֶע לֶעבְּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט און וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל און אִיךְ פִּיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקֹּתַי).

גֶעדֶענְק אַז שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג; דָארְט הֵייבְּט זִיךְ עֶרְשְׁט אָן דִי צָרוֹת. עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן שמה, סְעִיף א): "הַמְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת", דֶער וָואס נֶעמְט זִיךְ דָאס לֶעבְּן, "אֵין מִתְעַסְּקִים עִמּוֹ לְכָל דָּבָר, וְאֵין מִתְאַבְּלִין עָלָיו, וְאֵין מַסְפִּידִין אוֹתוֹ וְלֹא קוֹרְעִין וְלֹא חוֹלְצִין", עַיֵּין שָׁם.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ לַיידְסְט און זָאג אִים דַיינֶע צָרוֹת. וֵויין צוּ אִים מִיט דִי וֶוערְטֶער: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר! מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס". טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַ ווָאוילֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע טָאכְטֶער", און בֶּעט אִים אוֹיף וַוייטֶער: "הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן מֶער קַיין עֲבֵירוֹת און אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי פוּלֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין מַיינֶע שטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן. אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק, אִיךְ פָּאר אַסַאךְ אוֹיף לַאנְגֶע וֶועגְן לְצוֹרֶךְ פַּרְנָסָה, אִיךְ פָּאר אוֹיף וַוייטֶע פְּלֶעצֶער אַוֶועק פוּן אִידִישֶׁע גֶעגְנְטֶער, און אִיךְ הֶער אוֹיפְ'ן וֶועג דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים און דָאס גֶעבְּט מִיר עֵצוֹת און חִזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן מִיטְ'ן
~~~~~~~~~~~

אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹי סַאךְ אִין אַלֶע עִנְיָנִים, בִּפְרַט אִין בִּטָּחוֹן, אוּן אִין לִימוּד הַתּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעוָואלְדִיגֶע הַתְמָדָה.

אִיךְ זָאג אוֹיס דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג טֶעגְלִיךְ בְּלוֹיז אוֹיף דִי וֶועגְן וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אִין טְרֶעפִיק אָדֶער בַּיי אַ רוֹיט לַייט, וִוי אוֹיךְ כַאפּ אִיךְ אַרַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אַזוֹי אוּנְטֶערְוֶועגְנְס. אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְיָאר פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט 60 מָאל תְּהִלִּים, אוּן אוֹיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אַפָּאר חֲלָקִים "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וָואס אִיךְ פִיר זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַאר אִיךְ הוֹיבּ אָן דֶעם טָאג, דָאס גֶעבְּט מִיר אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע חִזּוּק טֶעגְלִיךְ, אִיךְ טְרֶעף דָארְט מַמָּשׁ אַלֶעס מַיינֶע דַאֲגוֹת פוּנֶעם טָאג, מִיט אַ גוּטֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. וִוי אוֹיךְ טוּ אִיךְ אַלֶע הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דְרֵיי מָאל אַ טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוֹיף וַוייטֶער מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן; דֶער רֶבִּי וַואשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אוּנְזֶערֶע פְלֶעקְן אוּן רֵיינִיגְט אוּנְז פוּן אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶע אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, אַז וֶוער עֶס נֶעמְט אַן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דֶער לֶערְנְט שְׁטֶענְדִיג, וֶוען מֶען הָאט נָאר אַן אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מְקוֹמוֹת אִין דִי תּוֹרָה: מִקְרָא - תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, מִשְׁנָה - שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן תּוֹסֶפְתָּא, גְמָרָא - בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַלֶע מֶדְרָשִׁים.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין רֶגַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה'

אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אַטוּ יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", יראת שָׁמַיִם אִיז עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקַייט, אַז דוּ זָאגְסְט: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!" עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקַייט; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפָּרָשָׁה) לְמַעֲשֶׂה רֶעדְט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקַייט, אַז עֶר זָאגְט: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!" זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַז דֶער תֵּירוּץ וָואס דִי גְמָרָא עֶנְטְפֶערְט אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען רֶעדְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר מֶען רֶעדְט צוּ אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן אַ רֶבִּי, וָואס הָאבְּן אַ צַדִּיק, - "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקַייט, וַוייל דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵיגָה.

דָאס קֶענֶען אַלֶע מֵעִיד זַיין, אַז וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אִיז דָאס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז "יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", מִיט דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס גְרִינְג פַאר אַלֶעמֶען, עֶס אִיז וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ל, יד): "בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים; דֶער רֶבִּי נֶעמְט פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען אוּן מַאכְט אוּנְז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דִי אֱמוּנָה, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, מֶען לֶעבְּט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען וִויכְטִיג אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז ס'אִיז דָא אַ פְּלַאץ וואו מ'קֶען פְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, אוּן בַּאקוּמֶען
~~~~~~~~~~~

אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע עֶנְטְפֶערס.

איך בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע פְרוּמֶע סְבִיבָה, מִיט פִילֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע דֶערְוַוייטֶערוּנְג פוּן אִידִישְׁקֵייט, ס'אִיז גֶעוֶוען צוּפִיל פַאר מִיר. בִּיז וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס רֶעדְט פוּן פָּשׁוּט'עֶ אִידִישְׁקֵייט, פוּן הִיטְן שַׁבָּת אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר זָאלְן זַיין פְּשׁוּטֶע אִידְן, הִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אָן קֵיין אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִזּוּק אִין אִידִישְׁקֵייט.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אָבֶּער גֶעוָוארְן אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט, ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען יָא וִויכְטִיג, חוּמְרוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן וֶועלְכֶע חוּמְרוֹת זֶענֶען סְתָם אִיבְּרִיג אוּן ס'פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ אִידִישְׁקֵייט?

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן.

## יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקַר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת; "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם, וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", אַסַאךְ רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייט דִי וֶועלְט מִיט זֵייעֶרֶע טְעוּתִים, אִיז אַלֶעס גֶעקוּמֶען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּצְט זֵייעֶר חָכְמָה; אֲפִילוּ דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הָאט אוֹיךְ נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן, וַוייל דָאס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן צוּם סוֹף לָאזְט מֶען אַלֶעס אָפּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהִכָּנֵס בָּהֶם וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם', 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי

אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסֻפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה אָדֶער נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וָואס פַאר אַ חוּמְרָא מֶען דַארְף יָא מַקְפִּיד זַיין, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ ווִיסְן וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט. ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמג): "כְּבָר הָיָה לוֹ חֵשֶׁק כַּמָּה פְּעָמִים לַעֲשׂוֹת הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ לְבָאֵר כָּל דִּין וָדִין בַּהֲלָכָה פְּסוּקָה אוֹ לְהַצִּיג הֲלָכָה כְּדִבְרֵי מִי מֵהַפּוֹסְקִים אֵצֶל כָּל דִּין וָדִין", אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַאכְן אַ סֵפֶר אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אָנְצוּצֵייכֶענֶען אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה וָואס דֶער דִין אִיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, "אַךְ עַכְשָׁו שֶׁיָּצָא זֶה הַסֵּפֶר לְעוֹלָם לֹא יִהְיֶה עִנְיָן הַנַּ"ל", אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' פֶּעלְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, וָואס פַאר אַ שַׁייכוּת הָאט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט הֲלָכָה, דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט פוּן הֲלָכָה?! נָאר וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶער כֹּחַ הַמְדַמֶּה צוּ וִויסְן וָואס יָא צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן. בִּפְרָט אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון פוּן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועסְטוּ וִויסְן בַּיי יֶעדֶע פְּרָט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן אַלֶע מִצְווֹת וֶועסְטוּ טוּן פוּל מִיט שִׂמְחָה אוּן דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נָאכְאַלְץ אִין כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִזּוּק, אִיךְ הֶער שׁוֹין דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער אַ יָאר, אוּן סְ'הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, בִּפְרָט מִיטְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס הָאט מִיר פָּשׁוּט גֶעמַאכְט לֶערְנֶען, צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אוֹיסֶער פִילֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג,
~~~~~~~~~~~

חוּמָשׁ, נ"ך, מִשְׁנָיוֹת, דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אִין בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר, מֶדְרָשׁ, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין יְרוּשַׁלְמִי כְּסִדְרָן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז דֶער דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן סַבְלָנוּת, מְ'וֶוערְט אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אַוַדַאי פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ פָאלְגְן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וִויפִיל אִיךְ קֶען, ס'אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ אַסַאךְ מָאל קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן שְׁרֵייעֶן אָדֶער שְׁלָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אוֹיךְ כְּסֵדֶר אַז וֶוען מְ'צֶעקְלַאפְּט אַ קִינְד, וֶועט עֶר זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל סְ'קְלַאפְּט אוֹיס נָאךְ דִי חֲתוּנָה. סַיי אִיךְ אוּן סַיי מַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אַלְס קִינְד, קֶען אִיךְ נָאךְ אַמָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת?

אִיךְ וִויל זֵייעֶר בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִזּוּק אִיבֶּער דִי עִנְיָנִים, סַיי אִינֶעם דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד, סַיי אִין שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִיבֶּער סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואו צוּ נֶעמֶען חִזּוּק אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת מִיט וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, וָואס וֶוער עֶס טוּט דִי עֵצוֹת קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז שִׁכְחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן הֵייבּ אָן דַיין לֶעבְּן פוּנְדָאסְנַיי. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט דִיר דַיין עָבָר אוּן קוּק קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ פוּן יֶעצְט טוּן נָאר גוּטְס.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זֶענְט אִיר אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, זָאלְט אִיר זִיךְ

בֵּיידֶע מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קן): "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֵצָה צוּ וֶוערְן אַלֵיין מְחוּזָק, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן", מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אוֹיס דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין; עֵצָה לָזֶה, שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָק; זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ אַזוֹי וֶועסְטוּ צְוֵויי מָאל פַארְדִינֶען, אֵיינְס אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין מְחוּזָק וֶועט זִי דִיר הֶעלְפְן וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ דַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אִירֶע אוֹיעֶרְן וֶועט דָאס צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר, עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אוֹר חוֹזֵר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפד) אַז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטְן דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת וֶוערְט אַן אוֹר יָשָׁר אוּן אַן אוֹר חוֹזֵר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶר דָאךְ וֶוערְט אַן אוֹר חוֹזֵר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֶוערְט שְׁטַארְק מְחוּזָק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מִיט אַזַא עֶרְנְסְטְקֵייט, אַז דוּ לֶערְנְסְט גֶוְמָאוֹת; דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ יֶעצְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה. פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ; זַיי אִיר מְכַבֵּד אוּן רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ הָאבְן כֹּחַ אוֹיפְצוּצִיעֶן דַיינֶע קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; מֶען זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן. טוּ דִי עֵצָה, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ אוּן זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וִויפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין וואוֹיל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אִיךְ הֶער זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קְרִיגְן מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ שְׁרֵיי אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אִיךְ וֶוער אַזוֹי בְּכַעַס אַז אִיךְ שְׁלָאג זֵיי מִיט רְצִיחָה, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אֵיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט זֵיי".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו נִישְׁט אֵיינְמָאל נִישְׁט צְוֵויי מָאל נָאר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אוּן מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶעס וָוארְט וָואס שְׁטֵייט דָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן; וַוייל שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט. אַז מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער פַארְלִירְט מֶען זֵיי אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ

צֶעפַּאלְט ה׳ יְרַחֵם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### וָואס הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער דִי ״דוֹר יְשָׁרִים״ טֶעסְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיז מַמָּשׁ גֶעוָואלְדִיג. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַוֶועקְגֶעמַאכְט דִי "דוֹר יְשָׁרִים" טֶעסְט, וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם? אוּן וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶערְקֶעגְן מֶען זָאל מַאכְן דֶעם דוֹר יְשָׁרִים טֶעסְט, אוֹיבּ אֵיינֶע פוּן דִי צְדָדִים הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צוּ מַאכְן דִי בְּדִיקָה הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל עֶס מַאכְן.

זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה אִיז אוּן וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן דוּרְךְ תְּפִלָּה. עֶס אִיז בַּאוִוּסְט דֶעם סִיפּוּר (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן ו) אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה מִיט דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן רֶבִּי יִצְחָק דְרוּבִּיטְשֶׁער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אִיז תֵּיכֶּף נָאךְ דִי חוּפָּה דֶער חָתָן - דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער - נֶעְלָם גֶעוָוארְן אוּן זַיין וַוייבּ - דִי כַּלָּה - הָאט נִישְׁט גֶעוִוּסְט וואוּ עֶר אִיז; זִי הָאט גֶעוַוארְט אַפָּאר טֶעג אוֹיף אִים עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, זִי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיר מַאן דֶער חָתָן אִיז, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר
~~~~~~~~~~~

דֶערשְׁרָאקְן און עֶר הָאט איר גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואוּ רֶבִּי נַחְמָן אִיז בַּאהַאלְטְן און עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ צוּ אִים אַז עֶר בַּאפֶעלְט אִים עֶר זָאל תֵּיכֶף קוּמֶען צוּ אִים. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָארְגֶעהַאלְטְן: "הַיִתָּכֵן צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, אִיבֶּערְלָאזְן אַיינְזַאם אַ פְרוֹי גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה?!" הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט אַז עֶר זֶעט בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר וֶועט הָאבְּן מִיט אִיר אַ קִינְד און תֵּיכֶף וֶוען דָאס קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, "אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִירֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז זִי זָאל נָאךְ קֶענֶען אַבִּיסְל לֶעבְּן". וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִיר גֶעלָאזְט רוּפְן און עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער חָתָן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט זִי זָאל אַזוֹי יוּנְג נִפְטָר וֶוערְן. הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶר קֶען זֶען וָואס גֵייט זַיין וְכוּ', בִּין אִיךְ מַסְכִּים טְרָאגֶעדִיג צוּ וֶוערְן און הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען און זִי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וַוארְטְן אַ קִינְד, בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט און גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיר נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַאר אַ חוֹדֶשׁ, וַוייל אִיךְ ווִיל זֶען מַיין קִינְד, און זִיךְ מִיט אִים מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין אַבִּיסְל", און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חוֹדֶשׁ און נָאכְדֶעם אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן.

הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד זִי הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן אַ חוֹדֶשׁ, וֶוען זִי וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן וָואלְט עֶס אִינְגַאנְצְן בָּטֵל גֶעוָוארְן - וַוייל זִי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אַז זִי וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה". זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק תְּפִילָה אִיז, אַז מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# איש אֱמוּנוֹת

**מֶען קֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיר קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה; הַלְוַאי וָואלְסְטוּ גֶעקוּמֶען מֶער אָפְט.

יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַרְבֶּעטְן זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

מֶען קֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה; אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה, מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן וְכַדוֹמֶה - קֶען מֶען זַיין וַוייטֶער אִין יְשִׁיבָה, אַז מֶען טוּט דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה; מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, אַזוֹי אוֹיךְ דַאוֶוענְט מֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען מַאכְט אַלֶעמֶען פְרֵיילִיךְ - דַאן אִיז מֶען אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דָאס אוֹיסְזֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אַלֶעס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן **הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

וָואס הֵייסְט דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז פַארְ'ן עֶנְטְפֶערְן אוֹיפְן שִׁידוּךְ "יָא"? אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מִיט אִים גֶעטְרָאפְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן דוּ הָאסְט מִיט דַיין אֵייגֶענֶע ווִילְן גֶעעֶנְטְפֶערְט "יָא", אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ לְחַיִּים, - וָואס אִיז שַׁיָּיךְ יֶעצְט צוּ זָאגְן אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט וַוייטֶער גֵיין מִיטְ'ן שִׁידוּךְ וֶועגְן דַיין אוֹיסְזֶען, אַז עֶר זֶעט אוֹיס צוּ אַ גְרוֹיסֶער חַאנְיָאק וְכַדּוֹמֶה?

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן עֶנְטְפֶערְן "יָא" אוּן אַ מִינוּט נָאכְדֶעם זָאגְן "נֵיין"; דוּ בְּרֶענְגְסְט נִישְׁט אַרוֹיס אִינֶעם בְּרִיוו קַיין שׁוּם סִיבָּה פַארְ'ן וֶועלְן אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ, סְתָּם צוּ זָאגְן אַז עֶר אִיז אַ חַאנְיָאק וְכוּ', דָאס הָאסְטוּ דָאךְ גֶעזֶען פָארְאוֹיס אוּן דָאךְ בִּיסְטוּ אַיינְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט הֶערְן מֶער פְּרָטִים פוּן דִיר.

פוּן אוֹיסְנְוֶוייניג זָאג אִיךְ דִיר אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז דָאס אוֹיסְזֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא עֶר זָאל גֵיין זַאלְבְּן אַ קֶענִיג פַאר דִי אִידְן - אֵיינֶער פוּן יִשַׁי'ס קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אֱלִיאָב - יִשַׁי'ס עֶלְטְסְטֶער קִינְד, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶר אִיז זִיכֶער דֶער קוּמֶענְדִיגֶע קֶענִיג', וַוייל אֱלִיאָב אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ גֶעבוֹיטֶע גֶעשְׁטַאלְט, שְׁטֵייט דָארְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא (שְׁמוּאֵל-א טז, ז): "אַל תַּבֵּט אֶל מַרְאֵהוּ", קוּק נִישְׁט אוֹיף זַיין שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶען, "וְאֶל גְּבֹהַּ קוֹמָתוֹ", אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף זַיין שֵׁיינֶע גֶעבוֹיטֶע גֶעשְׁטַאלְט, "כִּי מְאַסְתִּיהוּ", וַוייל אִיךְ הָאב אִים פַאר'מִאוּס'ט צוּ זַיין קֶענִיג.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כַּעְסָן (פְּסָחִים סו:), פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעזֶען; פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶען ווִי דֶער שֶׁענְסְטֶער בָּחוּר. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "כִּי לֹא אֲשֶׁר יִרְאֶה הָאָדָם, כִּי הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב", אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַנְדֶערְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר וָואס דִי אוֹיגְן זֶעעֶן אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דִי הַארְץ.

אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גוּט נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם בָּחוּר אוּן זֵיי זָאגְן אַז עֶר אִיז אַ גָאלְדֶענֶער בָּחוּר אוּן דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט גֶעזִיצְן מִיט אִים אַפָּאר שָׁעָה אוּן דוּ הָאסְט מַסְכִּים גֶעוֶועז צוּם שִׁידוּךְ, אִיז וָואס אִיז יֶעצְט פְּלוּצְלִינְג גֶעשֶׁעְן אַז דוּ עֶקֶלְסְט זִיךְ פוּן אִים?

אִיךְ וַוארְט דָאס אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ.

...

~~~~~~~~~~

**חֶסֶד אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

זָאג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז אִיךְ דַאנְק אִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוּן אִין זְכוּת פוּן טוּן חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער בְּקָרוֹב.

דָאס אִיז מַמֶשׁ מַיין חָלוֹם וָואס אִיךְ וִויל בַּאוַוייזְן, אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ קְהִלָּה בְּיִשְׂרָאֵל וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנָאם – מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים זָאלְן טוּן חֶסֶד אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. אַז מֶען זֶעט אַ פְרוֹי אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט אִיר אַרְבֶּעט זָאל מֶען אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן – זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ אָרֶענְזְשִׁירְן צוּ הֶעלְפְן קִימְפֶּעטָארְנְ'ס מִיטְ'ן קָאכְן נַאכְטְמָאל וְכַדּוֹ'; מֶען זָאל נֶעמֶען קִינְדֶער אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן וֶוען מֶען דַארְף וְכוּ'.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיר אַרַיין קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא; נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּנֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה לְיוֹם הַדִין.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~

**בִּיסְטוּ גְרֵייט אָנְצוּנֶעמֶען דִי מְלַמְדוּת?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער – יָא צִי נֵיין – אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גְרֵייט אָנְצוּנֶעמֶען דִי מְלַמְדוּת אָדֶער דוּ וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט.

וַוייל פוּן נֶעכְטְן דְרֵיי וָואכְן הֵייבְּן מִיר אָן דֶעם נַייעֶם יָאר אִין חֵדֶר אוּן עֶס פֶעלְט מִיר מְלַמְדִים. אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי, וֵוייל צְוֵויי מְלַמְדִים הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן קַיין לִיבֶּערְטִי נ.י. וואוּ מִיר בּוֹיעֶן יֶעצְט דֶעם נַייעֶם שְׁטֶעטְל "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב", זֵיי וֶועלְן זַיין דִי מְלַמְדִים דָארְט. דֶערִיבֶּער וַוארְט אִיךְ פוּן דִיר אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה – יָא אָדֶער נֵיין – וִוי שְׁנֶעלֶער.

מְלַמְדוּת אִיז נִישְׁט אַ קִינְדֶער שְׁפִּיל; זַיין אַ מְלַמֵד אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת, וַוייל אַ מְלַמֵד קֶען בּוֹיעֶן וֶועלְטְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם חָרוּב מַאכְן וֶועלְטְן.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז מֶען נֶעמְט אִינְגֶעלַייט וָואס טוֹיגְן אוֹיף גָארְנִישְׁט – פַאר מְלַמְדִים, בִּפְרַט בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע קְלַאסְן. מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז מַמָשׁ צוּגֶעגְלִיכְן לַחוֹמֶר בְּיַד הַיוֹצֵר, בִּרְצוֹתוֹ וְכוּ'; דֶעם גַאנְצְן פִּיוּט וָואס מֶען זָאגְט לֵיל יוֹם כִּיפּוּר גֵייט אָן בַּיי מְלַמְדִים, בִּפְרַט בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת – דָארְט דַארְף מֶען הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע מוּמְחִים; מוּמְחִים מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס נוּצְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע הֶענְט חַס וְשָׁלוֹם צוּ שְׁלָאגְן, צִיפְּן אוּן שְׁטוֹיסְן וְכוּ'.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דִי שְׂכַר פוּן אַ מְלַמֵד זֵייעֶר גְרוֹיס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַ תְּשׁוּבָה וָואס פְרִיעֶר.

...

~~~~~~~~~~~

**בְּרֶענְגֶען אַ מַתָּנָה פַאר'ן רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ בַּאזוּכְן דִי קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיר דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן. זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט דִיר, זֵיי זָאגְן אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען בַּאקוּמֶען זֵיי גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיס.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאף אַז דוּ הַאלְסְט אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּרֶענְגְט מֶען אַ מַתָּנָה פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, מֶען קוּמְט נִישְׁט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. זֶע צוּ קוּמֶען מִיט פוּלֶע הֶענְט מִיט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

מִיר מַאכְן אִם יִרְצֶה ה׳ דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר אַ שַׁבָּת הִתְוַעדוּת פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, - אַ שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ״ס; סַיי פַאר דִי וָואס הָאבְן מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ״ס אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם אוּן סַיי פַאר דִי וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס אַז זֵיי זָאלְן שְׁטֵיין אוּן זֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ״ס.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיטְהַאלְטְן דֶעם שַׁבָּת מִיטְ׳ן סִיּוּם.

...

~~~~~~~~~~~

מַגִיהַ זַיין דֶעם לוּחַ פוּן שְׁנַת ה׳תש״פ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייֶערער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יִיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הַיינְט מַגִיהַ זַיין דֶעם לוּחַ פוּן שְׁנַת ה׳תש״פ, וַוייל פוּן דִי וָואךְ - שַׁבָּת נַחֲמוּ - הֵייבְּט מֶען אָן אַלֶע יָארְן מֵפִיץ זַיין דֶעם לוּחַ פוּנֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר. דִי מְפִיצִים וַוארְטְן אוֹיף דֶעם עֶס זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דְרוּק.

לְעֵת עַתָּה קֶען מֶען דָאס נָאכְנִישְׁט דְרוּקְן וַוייל עֶס פֶעלְט דִי הַגָּהָה.

רֶעד צוּ הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן פוּנֶעם לוּחַ, פְּרֶעג אִים צִי מֶען דַארְף דָאס מַגִיַהּ זַיין נָאכְאַמָאל אָדֶער עֶס אִיז גוּט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס נָאךְ הַיינְט עֶנְדִיגְן כְּדֵי מֶען זָאל דָאס שׁוֹין קֶענֶען דְרוּקְן, וַוייל דֶער לוּחַ אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע נֶעמֶען; אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְדִים וָואס נֶעמֶען נִישְׁט קַיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים נֶעמֶען אָבֶער יָא דֶעם לוּחַ.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

...

~~~~~~~~~~~

**אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ גֶעשְׁמַאק.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה צוּ הֶערְן וִוי אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיס דָאס לֶעבְּן, עֶר וַוייזְט דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן יָארְן צוּרִיק וָואס אַ בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שָׁלוֹם נֶעמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן דִי יְשִׁיבָה, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא", הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וָואס הָאסְטוּ הֲנָאָה?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט זִיס אִידִישְׁקֵייט", הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט נִישְׁט זִיס אִידִישְׁקֵייט, אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ גֶעשְׁמַאק, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דִי גֶעשְׁמַאק, עֶר לֵייגְט נִישְׁט צוּ עֶס זָאל וֶוערְן אוֹיס זִיס"; וֶוער עֶס הֵייבְּט אָן הֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ', אִיר זָאלְט טוּן וִוי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט, אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אַז אִיר נֶעמְט אַרוֹיס אַייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן אִיר גֶעבְּט זֵיי אַ חִינוּךְ וִוי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט. אִיךְ וֶועל עֶנְק וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אוּן וַוייטֶער מְקָרֵב זַיין אַזוֹי וִוי בִּיז אַהֶער.

אַוַדַאי וֵוייסְט אִיר אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן; וֶוען מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען בָּטֵל מַאכְן דִי וַוייבֶּער שׁוּל", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אוּן עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פַארְקֶערְט; מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען".

גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דָאס אִיז דֶער סוֹד פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן דֶער סוֹד פַאר אַלֶע בְּרָכוֹת.

גֶעבְּטְס אַ גְרִיס פַאר אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִים פוּן פַארְ'ן זוּמֶער.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדֶערְן דַיין חֲסִידִי'שֶׁע לְבוּשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דַיינֶע גוּטֶע מִידוֹת, דוּ גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דוּ הֶעלְפְסְט אַזוֹי סַאךְ אוּן דוּ טוּסְט דָאס אָן טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדֶערְן דַיין חֲסִידִי'שֶׁע לְבוּשׁ; גֵיי נִישְׁט נָאךְ דִי וָואס טוּישְׁן זִיךְ - הַיינְט דָאס אוּן מָארְגְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, בְּלַייבּ פֶּעלְזְן פֶּעסְט מִיט דִי חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער. גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַן אִינְדִיק: "מֶען קֶען בְּלַייבְּן אַן אִינְדִיק אֲפִילוּ מֶען אִיז אָנְגֶעטוּן"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער בָּחוּר, הַנָאָה הָאבְּן פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן בְּלַייבְּן מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מִיט חֲסִידִי'שֶׁע הֶעמְדֶער אוּן הוֹיזְן וְכוּ', וְכוּ'".

בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת וֶועלְן נָאר נֶעמֶען בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס ווִילְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּבּ, גֵיין אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ וְכוּ', וְכוּ'.

בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ הַאלְטְן פְרִישׁ מִיטְ'ן הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר; אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ צוּ דוּ בִּיסְט נָאךְ פוּן פְרִישׁ מְקוּרָב בַּיים רֶבִּי'ן, צִי דוּ מַאכְסְט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג אוּן צִי דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין הִתְקָרְבוּת זָאל נִישְׁט זַיין אַלְט אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ פְּרִישֶׁער מְקוּרָב. וֶוען דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים אוּן דוּ קוּמְסְט אָן צוּ דִי תְּפִילָּה וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט (תְּהִלִּים עא, ט): "אַל תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל תַּעַזְבֵנִי", זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַלְט, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג זַיין יוּנְג אוּן פְּרִישׁ; אִיךְ וִויל זַיין אַ פְּרִישֶׁער מְקוּרָב, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶעלָאשְׁן".**

מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג): דֶערְוַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טוּרֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶעלַייט, הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת"; דֶער רֶבִּי הָאט פַאר אוּנְז גָאר גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, מִיר דַארְפְן נָאר הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועם זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין.

עֶס זִינְגְט זִיךְ שׁוֹין: "אוּמַאן, אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!" מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר פָארְן שׁוֹין אִין זֶעקְס וָואכְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן. מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָארְן מִיר מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן ט"ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ וֵויים נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרַא"שׁ אִין קֶעמְפּ זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה.

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב" - עֶלֶענְווִיל נְיוּ יָארְק. אוּן עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֲתָנִים אִין יְשִׁיבָה; מֶען הָאט אוּנְז מְבַזֶה גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁרֶעקְלִיכְן אוֹפָן, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים, מֶענְטְשְׁן
~~~~~~~~~~~

הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאב דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל גֶעבְּן בְּרָכוֹת פַאר דִי בָּחוּרִים אַז עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים, וַוייל דִי בָּחוּרִים וֶוייֶנען צוּ מִיר אַז זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ'. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן ט"ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכ'ן צְוֵוייטְן; אַלֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! יֶעצְט גֵייט אוֹיךְ אָן דִי בְּרָכָה פוּן מוֹהֲרָא"ש, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פוּן דֶעם פְרַייטָאג ט"ו בְּאָב אוּן לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא יֶעדְן טָאג פַאר פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען מִיט אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאב צוּרִיק גֶעהֶערְט פוּן דִי אִינְגֶעלַייט, אַלֶע זָאגְן זֵיי אַז דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶוען.
~~~~~~~~~~~

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי מִצְוָה פוּן מְחַזֵק זַיין דִי פְּרוּיעֶן אוּן יֶעדֶע וָואךְ זָאלְט אִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען; מַאכְט אַ קְבִיעוּת אוֹיף דֶעם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז יֶעדֶע דִינְסְטָאג אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע טָאג - קוּמְט מֶען זִיךְ צוּזַאם.

גְרֵייט אָן אַ שְׁפִּיל אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן יֶעדֶע וָואךְ אֵיינֶע פוּן דִי פְּרוּיעֶן וָואס זָאלְן רֶעדְן (נִישְׁט צוּ לַאנְג, בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט).

נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר טַאנְצְן צוּזַאמֶען, אַזוֹי ווִי מוֹהַרָא"ש הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנִיאֵל, אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אֵיינְמָאל אַ וָואךְ.

גֶעב אִיבֶּער פַאר דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַז נָאכְ'ן זוּמֶער וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' זַיין אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל.

...

~~~~~~~~~~

**טוּן חֶסֶד אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן בְּרֶענְגֶען עֶסְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן בְּרֶענְגֶען עֶסְן אוֹיךְ אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת, אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק בְּלֵב וָנֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ הֶעלְפְן ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל נוּצְן דַיין נָאמֶען צוּ קוֹיפְן אַ קַאר; אַז דוּ ווִילְסְט אִים הֶעלְפְן זָאלְסְטוּ אִים הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע נָאמֶען, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן הֶעלְפְן. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֶעבְּן דַיין נָאמֶען וְכוּ'; אַז מֶען טוּט חֶסֶד אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג בְּרֶענְגְט דָאס נָאכְדֶעם צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וד"ל.

זֶע וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיטְ'ן טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת, סַיי אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן סַיי אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**"עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אִין עֶנְגְלִישׁ, אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן הֶערְלִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אַייעֶר זְכוּת אִיז.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶען דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת פוּן "סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" וָואס אִיר הָאט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ; דָאס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי הֶערְלִיךְ, עֶס לֵיינְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אַייעֶר זְכוּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן בּוֹיעֶן עֶנְקֶער הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אִיר דָארְט הָאבְּן מֶער יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן מֶער הַרְחָבַת הַדַעַת, וֶועט אִיר קֶענֶען עוֹסֵק זַיין וַוייטֶער אִין אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוְן בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

...

~~~~~~~~~~~

**קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא; וֶוער וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן אַז מִיר זָאלְן הַאלְטְן שְׁנַת ה'תשע"ט בַּיים בּוֹיעֶן אַ קִרְיָה עַל שֵׁם רַבֵּינוּ - "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב".

פַאר צֶען יָאר צוּרִיק - שְׁנַת ה'תשע"ט - הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, אַלֶע הָאבְּן גֶעקָאכְט אוּן גֶעזִידְט אַז מֶען זָאל פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה, לְמַעֲשֶׂה רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוֹמֶרֶת: "כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ"; ה'תש"ע - אַ יָאר נָאכְן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֵדֶר בְּאַרְצוֹת הַבְּרִית, נָאכְדֶעם - בִּשְׁנַת ה'תשע"ב הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵיגָא", אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דֶעם "בֵּית הַדְפוּס" יֶענֶעם יָאר. פַארְיָאר - שְׁנַת ה'תשע"ח הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דֶעם כּוֹלֵל אוּן יֶעצְט הַאלְטְן מִיר בַּיי אַ קִרְיָה.
~~~~~~~~~~~

בִּיז מִיר װעלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אוּן עֶנְדִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הַגָּדוֹל בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְנַדֵּב אַז מֶען זָאל מַאכְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן כּוֹלֵל בַּיי מִיר אִין בֶּעיסְמֶענְט.

גְלַייךְ נָאכְן זוּמֶער װעל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ דַיין טַאטֶע אַז דוּ װעסְט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ טִיטְשֶׁער בַּיי אוּנְזֶער נַייעֶ סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא" - לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ װִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תְּחִיֶ', דִי מְנַהֶלֶת פוּן "בֵּית פֵּיגָא" - װִילְיַאמְסְבּוּרְג. דוּ הָאסְט דָאךְ אַסַאךְ מְקַבֵּל גֶעװֶען פוּן אִיר דִי אַלֶע יָארְן װָען דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין סְקוּל. זִי װֵייסְט װָאס אִיךְ װִיל; זִי פִירְט דִי סְקוּל אַזוֹי װִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַװֶעקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גְרוּנְדְשְׁטֵיין װִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אִיךְ װִיל אַז דִי סְקוּל אִין קְרָיֶ' זָאל זִיךְ פִירְן אוֹיף דֶעם װֶעג.

דֶער עִיקָּר זָאל זַיין אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אֱמוּנָה, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; נִישְׁט עֶס זָאל זַיין אַ פַארְשְׁלָאפֶענֶע זַאךְ װָאס מֶען נוּצְט נָאר מִזְּמַן לִזְמַן, נָאר דָאס גַאנְצֶע חַיוּת זָאל זַיין אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי װִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים מב, ט): "תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט): אַז דִי גַאנְצֶע חַיוּת בַּאקוּמְט מֶען פוּן תְּפִלָּה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת אוּן גוּטֶע מִידוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען נָאר מִיט דַיין פַאמִילְיֶע.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, פַאר דַיין טוֹבָה וֶועגְן זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נִישְׁט אַרֵיינְנֶעמֶען בָּחוּרִים צוּ דִיר אִין שְׁטוּב. אַז דוּ ווִילְסְט רוּפְן גֶעסְט - בָּחוּרִים - פַאר אַ סְעוּדָה אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן בַּיי דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס; עֶס זָאל הָאבְּן אַ פָּנִים פוּן אַ סְעוּדָה, מֶען זָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ', אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט רוּפְן אַזֶעלְכֶע גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי דִבְרֵי תּוֹרָה"; אָבֶער דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרֵיינְנֶעמֶען בָּחוּרִים אִין שְׁטוּב.

גֶעב אִיבֶּער פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל אַז זֵיי זָאלְן בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַרֵיינְנֶעמֶען בָּחוּרִים אִין שְׁטוּב; אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ פַארְטִיגְן מַיין הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל, וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְלַאץ נֶעבְּן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ'.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ בִּיסְטוּ פַארְיָאגְט עַל הַמִחְיָ' וְעַל הַכַּלְכָּלָה, שַׁבָּת אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע טָאג וָואס דוּ קֶענְסְט זִיצְן מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ אַ גַאנְץ שַׁבָּת נָאר עוֹסֵק זַיין מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל זָאג אִיךְ נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן - סַיידְן מֶען פְרֶעגְט מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ', דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר וָואס צוּ טוּן אֲפִילוּ אָן פְרֶעגְן.

...

~~~~~~~~~~

## חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב - אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יִיַשֶׁר כֹּחַ.

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג - חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם טָאג (תַּעֲנִית כו:): "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים", עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע טֶעג בַּיי אִידְן ווִי יוֹם כִּיפּוּר אוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב; הַיינְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם לא.): "מִכַּאן וְאֵילָךְ דְּמוֹסִיף יוֹסִיף", דֶער וָואס הֵייבְּט אָן חֲמִשָּׁה בְּאָב לֶערְנֶען מֶער פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה - וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.
~~~~~~~~~~

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּאנֵיי זִיךְ; הֵייבּ אָן מִיט אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה מוֹסִיף צוּ זַיין בְּלִימוּד גְמָרָא וּמִשְׁנַיוֹת.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט נִישְׁט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; דוּ הָאסְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, דוּ בִּיסְט מָלֵא חֵן! הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אוּן זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט צוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִיר.

דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר, זֵיי שֶׁעפְּן פוּן דִיר הוֹיפֶּענֶעס נַחַת; וֶוען אִיךְ טְרֶעף זֵיי זָאגְן זֵיי מִיר אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי נָאר נַחַת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**וָואס אִיךְ זָאג פַאר אֵיינֶעם אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יִיַשֶׁר כֹּחַ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וֶועגְן דַיין וַוייבּ, צִי זִי זָאל דְרַייוְון אַ קַאר וְכוּ'; אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר מִן הַסְתָּם ווִילְסְטוּ הֶערְן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אוּן דָאס אָנְנֶעמֶען: "קְלַאפּ דִיר דָאס אַרוֹיס פוּן קָאפּ, דֶער זַאךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר דִיר".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. וָואס אִיךְ זָאג פַאר אֵיינֶעם אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אוֹיךְ מַאכְט דָאס נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער, עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דִי וָואס דְרֵייוְון יָא זֶענֶען עֶפֶּעס וֵוייניגֶער חַס וְשָׁלוֹם. עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט צוּ דְרֵייוְון וְכוּ', אָבֶּער דִיר זָאג אִיךְ: "קְלַאפּ דִיר עֶס אַרוֹיס פוּן קָאפּ".

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, הֶעלְף אִיר מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, אוּן וואוּ זִי דַארְף גֵיין אוּן קוּמֶען זָאלְסְטוּ אִיר דְרֵייוְון.

נָאכְמָאל, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וָואס צוּ טוּן נָאר וַוייל דוּ פְרֶעגְסְט מִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**צְנִיעוּת אִיז אַ חֲשִׁיבוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען זוּמֶער אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב, מָאנְטִיסֶעלָאו" - זַיין צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הֶער אַז אִיר הֵייבְּט אָן בְּקָרוֹב בּוֹיעֶן אַייעֶר הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; דָאס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע חָשׁוּבֶ'ע מִשְׁפָּחוֹת בַּיי אוּנְז אִין קִרְיָ'. מִשְׁפָּחוֹת וָואס צְנִיעוּת אִיז בַּיי זֵיי אַ חֲשִׁיבוּת, אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע זַאךְ. דָאס וֶועט הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן קִינְד'ס קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

...

~~~~~~~~~~~

**גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֵייבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אָן מִקְוֶה; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵיי אִין מִקְוֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.
~~~~~~~~~~~

**בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ דִי עֵצָה וָואס דִי פֵייגְל הָאט גֶעטוּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, וואוּ זִי אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען אִיז מֶען אִיר נָאכְגֶעלָאפְן, זִי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע סָארְט פְּלֶעצֶער אָבֶּער אִיבֶּערָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פַאנְגֶערְס אִיר טְשֶׁעפֶּען, אִיז דִי פֵייגְל אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, וַוייל דָארְט וֶועט קֵיינֶער זִיךְ נִישְׁט טְרוֹיעֶן צוּ קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף מִיר'.

דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן; דוּ פְּרוּבִּירְסְט אַלֶע עֵצוֹת אוּן מִיטְלֶען פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שׁוּם וֶועג זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן וְכוּ', אֵיין עֵצָה הָאסְטוּ: גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס - וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים צא, א): "יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן", אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם פְּלַאץ, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט אִיז עֶר זִיךְ מִתְלוֹנֵן, עֶר טַעְנֶה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הָארְץ.

אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוייזְן קֵיין שׁוּם עַצְבוּת, דֶערְצֵייל נִישְׁט פַאר דַיין וַוייבּ וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; זִי וֶועט דִיר בְּמֵילָא נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן, עֶנְדֶערְשׁ מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ וֶועט זִי וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אַזוֹי אַרוּם וֶועט זִי דִיר נָאכְדֶעם פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאךְ אַ שִׁיעוּר פָּארְצוּלֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג אִין שְׁטֶעטְל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט צוּזַאמְנֶעמֶען דִי אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל - לֶערְנֶען מִיט זֵיי יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ לֶערְן פָאר יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא; דוּ קֶענְסְט דָאס מִיט הַאלְטְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן (קוֹל בְּרֶסְלֶב), אָדֶער קֶענְסְטוּ דָאס אוֹיסְהֶערְן דוּרְכְ'ן טָאג, וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען קְלָאר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט טוּן מַיין וִוילְן מִיטְ'ן פָּארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, וַוייל עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ וֶועל פוּן מַיין זַייט שְׁרַייבְּן פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר, אוּן דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן צוּ אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע צַייט אוּן פָארְלֶערְנֶען בְּטוּב טַעַם וָדַעַת.

נָאכְן שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁמוּעֶסְן נָאר גְלַייךְ אַהֵיימְגֵיין שְׁלָאפְן כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

דִי פְרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זֶענְט זִיךְ נֶעכְטְן נָאכְט צוּזַאמְגֶעקוּמֶען, אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ פוּן שְׁטֶעטְל - זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס אוֹיף עֶטְלִיכֶע פַאלְן (בְּרָכוֹת סג:) אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט אַוֶועק דִי שְׁטוּבּ מֶען זָאל עֶס נוּצְן פַאר אַן אַכְסַנְיָא שֶׁל תּוֹרָה, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ נֶעמְסְט צוּזַאמֶען דִי פְרוֹיעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בַּיי דִיר אוּן בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע מַאן אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? וָואס נָאךְ דַארְף אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי?! נָאר דָאס; אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ מַאן וָואס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה אוּן קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג נִיסִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין דֶערְהַאלְטְן בִּיז אַהֶער, יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין וַוייטֶער.

דוּ הָאסְט אַ גָאר גְרוֹיסֶער חֵלֶק אִין אַלֶעס; אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט דִי יְשִׁיבָה, דוּ בִּיסְט מִיר גֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע יָארְן צוּ מַיין רֶעכְטֶע הַאנְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אוֹיךְ מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל סְקוּל וְכוּ', יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִרְיָ' אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

בִּיז דֶערְוַוייל נֶעם אִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ מְנַהֵל פַאר'ן תַּלְמוּד תּוֹרָה; בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דַיין אָפִּיס בַּיים תַּלְמוּד תּוֹרָה כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי מְלַמְדִים צִי זֵיי זֶענֶען צַייטְלִיךְ וְכוּ' אוּן טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת; זָאלְסְט מִיר יֶעדְן טָאג שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער מִיט אַלֶע פְּרָטִים.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; זֶע עֶס זָאל זַיין בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אַן אֲוִיר הַזַּךְ וְהַנַּח, אַ לוֹיטֶערֶע לוּפְט, אַ לוּפְט פוּן אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

פוּן דַיין חָבֵר וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב – מְבָרְכִים אֱלוּל, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליִךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יז):

"צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; "וְהַכְּלָל שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וּלְבִלְתִּי לְהֵרָאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג און דִיפְּרֶעסְט שַׁבָּת, נָאר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת - זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; "וּלְהַרְבּוֹת בְּתַעֲנוּגֵי שַׁבָּת בְּכָל מִינֵי תַּעֲנוּג, הֵן אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, הֵן מַלְבּוּשִׁים - כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל, כִּי אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ רוּחָנִיּוּת, כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ, וְעוֹלָה לְמָקוֹם אַחֵר לְגַמְרֵי מִן אֲכִילַת חֹל, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר".

אַ גַאנְצֶע וָואךְ בִּיסְטוּ טַאקֶע פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶּער בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דֶעם; מַאךְ שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת און זִינְג זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קד): "זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט". פַאר דוּ מַאכְסְט קִידוּשׁ זִינְג שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם; עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט, דִי מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן דִיר פוּן שׁוּל זֵיי וַוארְטְן צוּ זֶען וָואס טוּט זִיךְ אִין דַיין שְׁטוּב, וַוייז זֵיי וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים וַוייז אַ שְׁמֵייכְל פַאר דַיין וַוייבּ, נֶעם אִיר אַרוֹיס פוּן אִיר צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, בֶּעט אִיר אִיבֶּער אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג מְסַדֵּר זַיין דִי מוֹסָד פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר - סַיי דִי מוֹסָד אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג און אַזוֹי אוֹיךְ דִי מוֹסָד אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער עִיקָר שְׁטַארְקֵייט אִיז אַז מְ'הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער דַיין גֶעשְׁרֵיי, אִיךְ הֶער דַיינֶע קְרֶעכְצְן; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער חָבֵר, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן און זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר. מֵיין נִישְׁט אַז צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נְפִילוֹת וְכוּ', דֶער חִילוּק אִיז אַז דִי צַדִּיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ און הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם", אֲפִילוּ עֶר פַאלְט
~~~~~~~~~~~

אַרָאפּ הֵייבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנַיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר עֶר קוּקְט אוֹיף פָּארְאוֹיס. דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, ווַייל זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ.

פַּארְוָואס בִּיסְטוּ בַּיי דִיר אַזוֹי גֶעפַאלְן? מַמָשׁ דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד... אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ וֶוערְט מֶען נִישְׁט שְׁוַואךְ, אַז מֶען הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף – דֶעמָאלְט אִיז מֶען שְׁוַואךְ; אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַרָאפּ גֶעפַאלְן, שְׁטַארְק מֵיינְט, אַז וֶוען מֶען פַאלְט הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אֵיינֶער וָואס פַאלְט אוּן הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף – דֶער אִיז אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי שָׁאוּל מְטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ווִי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען ווִי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט ווַייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אָנְגְרֵייטְן פַאר'ן לֶעבְּן. ווַייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, אוּן דֶעמָאלְט – אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק – אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**שִׂמְחָה עֶפְנְט אוֹיף דֶעם מֹחַ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ טֶענְצְל, אוּן דֶער עִיקָר מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס פְרֵיילִיךְ; ווַארְט נִישְׁט וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ, נָאר קוֹדֶם מַאךְ זִיךְ; מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ שׁוֹין וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת, פוּן דַיינֶע זָארְגְן אוּן פוּן דַיינֶע קְרֶעכְצְן, טְרַאכְטְנְדִיג שְׁטֶענְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וָואס וֶועט זַיין?' שִׂמְחָה עֶפְנְט אוֹיף דֶעם מֹחַ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג
~~~~~~~~~~~

אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וִיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ קֶען עֶר טְרַאכְטְן גְרָאד אוּן עֶר קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין פַארְמַאכְטְקֵייט; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁנֶעלֶער אַנְטְוויקְלֶען אַז דוּ וֶועסְט טַאנְצְן מִיט זֵיי, דָאס אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט לָאזְט זֵיי נִישְׁט טְרַאכְטְן, עֶס פַארְמַאכְט זֵיי וְכוּ'. טַאנְץ אוּן זִינְג אִין שְׁטוּב מִיט שִׂמְחָה, וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה.

דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין מַאמֶע יֶעדֶע זַאךְ וָואס דַיין וַוייבּ רֶעדְט אוֹיף אִיר, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִיבֶּער זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ וָואס דַיין מַאמֶע אוּן דַיין שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ' זָאגְן אוֹיף אִיר וְכוּ'; אַבִּיסְל שֵׂכֶל מֶעגְסְטוּ נָאךְ הָאבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע פוּן נָאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן צוּ אִים אַנְטְקֶעגְן זַיין וַוייבּ כָּל דָּבָר אָסוּר, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע זי"ע גֶעזִיצְן אוּן אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט, אוּן וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט אוּן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען. שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי רֶעבִּיצִין אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "דַיין מַאמֶע אִיז דָא גֶעוֶועזְן, וָואס הָאט זִי גֶעוָואלְט? דַיין מַאמֶע אִיז אַ דָאס מִיט אַ יֶענְץ", אוּן זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן, ווִידֶער הָאט אִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ, אוּן וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס פוּן צִימֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט זַיין קַאפְּל אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן, טְרָאג נִישְׁט אוּן בְּרֶענְג נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע דִיבּוּרִים.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר; וֶוער עֶס הֶערְט אוֹיס דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן לֶעבְּט מִיט דֶעם - דֶער לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים. עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט - נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~